STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03088

# DER IKER FUN BUNDIZM

Henryk Erlich

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ה. ערליך

# פון די ארויסגעבער

ווענן „בונד" און „בונדיזם" ווערט לעצטנס אין די סאָציאַליסטישע קרייזן פון אַמעריקע זייער אָפט גערעדט און געשריבן. פילע פון די, וועלכע זיינען אַמאָל אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן געווען פארבונדן מיט'ן „בונד", געקומען מיט אים אין וועלכער ס'איז בארירונג, האַלטן זיך נאָך כסדר פאַר גאָר גוטע און געטרייע בונדיסטן. דער „בונד" און „בונדיזם" איז ביי זיי עפּעס אַן אַבסטראַקטע אידעע, אַ הייליגקייט פון אַמאָל, פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט מיט זייער איצטיגער פּאָליטישער און געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט גאָר אַ קנאַפּע שייכות. דער „בונד" און בונדיזם" — דאָס זיינען, לויט זייער טעאָריע, באַגריפן, וועלכע זיינען גילטיג אין רוסלאַנד, אין פּוילן אָבער נישט אין אַמעריקע.

אַנדערע ווילן גאָר דעם „בונד" און זיין געשיכטע צוטיילן אויף צוויי טיילן, אויף צוויי פאַרשיידענע פּעריאָדן: דער אַמאָליגער „בונד" פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, און דער איצטיגער, וועלכער געפינט זיך הויפּטזעכלאַך אין פּוילן.

דער אַמאָליגער, דער פריערדיגער, זאָל עס הייסן, איז געווען דער „אמת'ער", דער „גוטער" בונד. דער איצטיגער בונד אָבער אין פּוילן טויג נישט. ער איז האַלב- אָדער דריי-פערטל קאָמוניסטיש. זיי שווערן זיך אין טרייהייט און ליבע צום אַמאָליגן, פאַרגאַנגענעם „בונד" און באַקעמפן ביטער דעם איצטיגן, עקזיסטירנדן, לעבעדיגן און טעטיגן „בונד".

אין די באַגריפן „בונד" און „בונדיזם" הערשט איצט ביי אונז אַ גרויסע מיספאַרשטענדניש.

די פאָרגעלעגטע קליינע בראָשורע, „דער עיקר פון בונדיזם", פון חבר ה. ערליך, קלערט אויף, אויף אַן אינדירעקטן אופן, אָט די מיספאַרשטענדנישן. אין אַ זייער קאָנדענסירטער פאָרם ערקלערט חבר ה. ערליך, דער איצטיגער פירער פון „בונד" אין פּוילן, די הויפּט-שטריכן און פּרינציפּן פון „בונד". פון דער דאָזיגער בראָ־

שור ווערט קלאָר, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַלטער און נייער „בונד" קיין אַמאָליגער און איצטיגער. „בונדיזם" איז אַ ריכטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און פילאָזאָפיע, וואָס איז נישט צוגעבונדן דווקא צו דעם אָדער יענעם פּעריאָד, צו דעם אָדער יענעם לאַנד. דער עיקר פון בונדיזם — אַמאָליגן, וועלכער איז אויך דער איצטיגער — ציט זיך אין דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע אירע פאַזען און איבער־לעבונגען, ווי איין רויטער שנור.

דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט פון דער בראָשורע זעהן, אַז מ'קאָן זיין אַ גוטער בונדיסט, האַלטען זיך ביי די בונדיסטישע פּרינציפּן און האַנדלען בונדיסטיש אפילו ווען מ'איז אין אַמעריקע אָדער אין וועלכן ס'איז אַנדער לאַנד; אַז בונדיזם איז די שיטה פון לעבעדיגן אַרבעטער־לעבן און קאַמף אין איר רעאַליסטישער און פּראַקטישער פאָרם, וועלכע איז אָבער גלייכצייטיג דורכגע־דרונגען מיט אַ טיפן אידעאַליזם און אָפּפערוויליגקייט, געטרייקייט און איבערגעבנקייט צו דער פּאַרטיי. ביי די איצטיגע רייבונגען אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אַט דער מאָ־מענט פון בונדיזם זייער אַקטועל און וויכטיג.

די פאָרגעלעגטע בראָשורע איז אייגנטלאך אַן אַרטיקל, גע־דרוקט אין „וועקער", אָרגאַן פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, פון 10טן נאָוועמבער 1934, וועלכער איז ספּעציעל אַרויסגעגעבן געוואָרן צום 37־יאָריגן יובילעאום פון „בונד". מיר האַלטן אָבער דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקל פאַר אַזוי וויכטיג און אינטערע־סאַנט, ספּעציעל אין דער איצטיגער צייט, אַז מיר גיבן דאָס אַרויס אַלס באַזונדערע בראָשורע.

די באַמערקונגען צום טעקסט זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער קאָמיטע פון בונדישן קלוב, וואָס האָט צוגעגרייט די בראָשורע צום דרוק.

בונדישער קלוב אין ניו יאָרק.

# דער עיקר פון בונדיזם

פון ה. ערליך

.1

37 יאָר — דאָס איז אַן אומגעהויער שטיק צייט נישט נאָר פאַר אַ יחיד, נאָר אַפילו פאַר אַ פּאַרטיי, בפרט אַזעלכע 37 יאָר, ווי מיר האָבן לעצטנס דורכגעלעבט. וויפיל פּאַרטייען זיינען פאַר דער צייט אַנטשטאַנען אויף דער אידישער גאַס, און — וואָס איז פון זיי געוואָרען? אויפ'ן פּאָליטישן בית עולם פון אידישן פאָלק איז פאַר די 37 יאָר אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער וואַלד פון מצבות, און נישט איין פּאַרטיי אויף דער אידישער גאַס גייט נאָך ביז היינט ארום צווישן די „לעבעדיגע" בלויז דערפאַר, וואָס זי האָט קיין מוט נישט צו שטאַרבן.

דער „בונד" לעבט, ווירקט און אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע און אַלזייטיגע טעטיגקייט סיי אויף דעם נאַציאָנאַלן, סיי אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט. די גרויסע מאַסן אַרבעטער און אַרבעטער יוגנט, וואָס הערן זיך צו צו זיין וואָרט און גייען נאָך מיט באַגייסטערונג נאָך זיין פאָן, זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז דער „בונד" האָט אין דער פולער מאָס איינגעהאַלטן זיין יוגנט־קאַפּט, אַז היינט, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין אנטשטייאונג איז ער — דער אויסדרוק פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון אידישן אַרבעטער־קלאַס.

אַניב דאָס איז געווען מעגלאך, האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען דעם מאַסן־כאַראַקטער און טיפן אינערלאכן דעמאָקראַטיזם פון אונזער באַוועגונג; די דאָזיגע אייגנשאַפטן האָבן אָפּגעהיט דעם „בונד" פון פאַרגליווערטקייט און געגעבן די מעגלאכקייט צו קאָנטראָלירן און קאָרעגירן זיינע פרינציפּן און לאָזונגען אינ'ם פייער פון דערפאַרונג. אָבער די בונדישע באַוועגונג וואָלט, פאַרשטייט זיך, נישט געווען דערגרייכט דעם מאַסן־כאַראַקטער, וועלכן זי האָט אַלעמאָל געטראָגן, ווען אירע פּרינציפּן און לאָזונגען וואָלטן נישט אַנטשפּראָכן די באַדערפעניש[ן] פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע און די געבאָטן פון דער צייט.

אין וואָס באשטייט דער עיקר פון בונדיזם און אין וואָס פאַר אַ מאָס האָט זיך דער בונדיזם אין לעבן בארעכטיגט?

די, וואָס ריידן וועגן דער געשיכטע פון „בונד", האָבן געווײנלאַך אין זינען דעם „אַלגעמיינעם אידישן ארבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד". אָבער דער דאָזיגער „בונד" האָט פאַקטיש עקזיסטירט בלויז ביז 1914־15. די גרויסע וועלט־מלחמה האָט צעריסן דעם „בונד" אויף באַזונדערע טיילן. דער „בונד" אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט היינט בלויז אין פּאַטענץ. אויסער דעם זיינען אויפ'ן שטח פונ'ם אַמאָליגן רוסלאַנד אנטשטאַנען — דער „בונד" אין לעטלאַנד און דער „בונד" אין פוילן, וואָס האָט, אחוץ געוועזענע רוסלענדער טעריטאָריעס, ארומגענומען אויך מערב־ און מזרח־גאַליציע. און עס איז אנטשטאַנען פאַר די לעצטע יאָרן אַ „בונד" אין רומעניע. די געביטן, וועלכע אָט דער סאַמע אינגסטער „בונד" נעמט ארום, האָבן — אויסער בעסאַראַביע — קיינמאָל צו דער „טעריטאָריע" פון אַמאָליגן פאַר־מלחמה'דיגן „בונד" נישט געהערט. אָבער די סאָציאַליסטישע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון רומעניע האָט זיך לויט איר אייגענעם און פרייען אויסוואַל באַהאָפטן אין די טראַדיציעס פון „בונד" און איבערגענומען זיין אידעאָלאָגיע.

ווען מיר ריידן היינט וועגן דער געשיכטע פון „בונד", וועגן עיקר פון בונדיזם, מוזן מיר דעריבער האָבן אין אויג נישט נאָר דעם פאַר־מלחמה'דיגן „אַלגעמיינעם אידישן ארבעטער בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד", נאָר אויך — אַלע נאָך־מלחמהדיגע „בונדן", און פריער פאַר אַלץ — דעם „בונד" פון פוילן, דעם אייגנטלאַכן יורש פונ'ם אַמאָליגן „בונד" (האָפנטלאַך, וועלן די לעזער נישט איינזען אין די לעצטע ווערטער קיין אויסדרוק פון אומבאשיידנקייט, פון פאַרטייאישער גאוה).

דעם אַזוי פאַרשטאַנענעם בונדיזם האָבן אויסגעצייכנט און צייכענען אויס ביז'ן היינטיגן טאָג דריי זאכן: 1) דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ — דאָס הייסט, ווי אַזוי די סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון אַ נאַציאָנאַל־געמישטן לאַנד דאַרף געבויט ווערן; 2) דער ענטפער אויף דער אידישער פראַגע, און 3) די באַציאונג צו די צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיינער ארבעטער־באַוועגונג.

.2

דער ארבעטער־קלאַס פון יעדער נאַציע מוז האָבן זיין אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און אַנ־

דערע נאציאנאלע באדינגונגען פון דער געגעבענער סביבה — דאס איז דער פרינציפ, וועלכן ס'האט פון דער ערשטער מינוט פון זיין אנטשטייאונג פארטיידיגט דער „בונד". ער האט געזאגט: אן אלגעמיינע לאנד־פארטיי, וואס מוז אויף א נאטירלאכן אופן זיין פריער פאר אלץ צוגעפאסט צו די לעבנס־באדינגונגען פון דער נאציאנאלער מערהייט פון לאנד, קאן געווינען פאר'ן סאציאליזם מער אדער ווייניגער באדייטנדיגע טיילן פון ארבעטער־קלאס פון די איבעריגע פעלקער; אבער אריינדרינגען אין דער טיפעניש פון ארבעטס־פאלק, אויפטרייסלען אים ביז'ן דעק און ברענגען די ארבעטער אין גרויסע, קאמפאקטע מאסן צו דער סאציאליסטישער פאן — דאס איז אימשטאנד צו טאן נאר אן ארגאניזאציע, וואס איז אויסגעוואקסן פון דער שוים פון דער געגעבענער ארבעטער־מאסע.

דער ארבעטער־קלאס פון יעדער נאציע מוז האבן זיין אייגענע ארגאניזאציע, אבער נישט זיין אייגענע פארטיי. אין א לאנד מיט עטלאכע נאציעס, דארף עקזיסטירן איין פארטיי מיט אזוי פיל אויטאנאמע נאציאנאלע ארגאניזאציעס, וויפיל עס זיינען פאראן נאציעס אין לאנד.

דער „בונד" איז אנטשטאנען מיט א יאר פריער, איידער ס'איז געגרינדעט געווארן די רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטישע ארבעטער פארטיי. אבער באלד ביי זיין אנטשטייאונג האט ער זיך באטראכט פאר א טייל פון דער קומענדיגער לאנד־פארטיי. און ווי נאר די ר. ס. ד. א. פ איז — ביי דער אקטיווער מיטווירקונג פון „בונד" — געגרינדעט געווארן, האט דער „בונד" אויף א נאטירלאכן אופן פארנומען אין אירע רייען אן ארט, אלס אויטאנאמער טייל. דער „בונד" אין פוילן איז ביז'ן היינטיגן טאג א פולשטענדיג זעלבסט־שטענדיגע פארטיי, אבער — נישט דערפאר, ווייל מיר באטראכטן דאס פאר בעסער, ווייל מיר זיינען אפגעטראטן פונ'ם טראדיציאנעלן ארגאניזאציע־פרינציפ פון „בונד", נאר ווייל די באדינגונגען אין פוילן זיינען נאך נישט רייף פאר דער אנטשטייאונג פון איין פארטיי, ווייל די סאציאליסטישע פארטיי פון פוילישן פראלעטאריאט האט זיך נאך ביז היינט צו טאג נישט אנטשלאסן ארויסצוגיין פון איר נאציאנאלער באגרעניצטקייט, צו ווערן א לאנד־פארטיי, אנשטאט א נאציאנאל־פוילישע פארטיי, צו ווערן פון א פוילישער סאציאליסטישער פארטיי (פ. פ. ס.) — א סאציאליסטישע פארטיי פון פוילן (ס. פ. פ.).

איך באטאן דאס ספעציעל דערפאר, ווייל בעת מיין זיין אין

אמעריקע איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן אויף אונזער אַדרעס דעם פאָרוואורף אין „סעפּאַראַטיזם". דאָס איז אַבסאָלוט נישט ריכטיג. נישט מיר זיינען שולדיג, וואָס ביז איצט איז אין פּוילן נאָך נישט געשאַפן געוואָרן איין סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטיי, וועלכע זאָל אין זיך אריינגעמען אַלע באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דאָס איז נישט אונזער שולד.

צי האָט זיך אונזער אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ באַרעכטיגט? דאָס לעבן האָט דאָס באַשטעטיגט סיי מיט פּאָזיטיווע, סיי מיט נעגאַטיווע באַווייזן. די אידישע ארבעטער־באַוועגונג אין לעטלאַנד, אין רומעניע, אין אמעריקע האָט זיך געמוזט בויען לויט דעמזעלביגן פּרינציפּ. אין פראַנקרייך, וואו די אידישע אימיגראַציע האָט אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער, שטייט היינט פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט די פראַגע וועגן אַן אייגענער אידישער מאַסן־אָרגאַניזאַציע. און אויך די פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געמוזט אַוועקשטעלן אויף איר טאָג־אָרדנונג די פראַגע וועגן איבערבויען די פּאַרטיי אויף יסודות, וואָס זאָלן איר דערלויבן ארומצונעמען די אַרבעטער־מאַסן פון די פריש־אַנטשטאַנענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון פראַנקרייך.

און דער נעגאַטיווער באַווייז איז — דער ראַטן־פאַרבאַנד. די רוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַרוואָרפן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ פון „בונד". זי האָט דעם „קאָם־בונד"*) געצוואונגען פאַנאַנדערצולאָזן זיין אָרגאַניזאַציע און זיך אויפצולייזן אין דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און דער רעזולטאַט איז, אַז מיר האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ גרויסע ארבעט פאַר די אידישע אַרבעטער, אָבער קיין אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס אַזעלכע, איז דאָרט נישטאָ. און זי וואָלט ביי דעם איצטיגן בוי פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נישט געקאָנט עקזיסטירן אַפילו דאַן, ווען אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי וואָלט געהערשט מער אינערלאַכע דעמאָקראַטיע, איידער עס הערשט דאָרט

*) „קאָם-בונד" — דאָס איז געווען אַ טייל פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן נאָכ'ן אַנטשטיין פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אָנגענומען דעם קאָמוניסטישן פּראָגראַם, נאָר געוואָלט בלייבן אַ באַזונדערע אידישע (בונדישע) קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די אָרגאַניזאַציעס פון „קאָם-בונד" זיינען אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווי אויך אין פּוילן.

היינט צו טאָג. אָבער אויך אין ראטן־פארבאנד צווינגט דאָס לעבן די אידישע קאָמוניסטן אין זייער פּראקטישער ארבעט צו מאכן הנחות דעם פּרינציפּ פון אויטאָנאָמיע און געבן זייערע אידישע אָפּטיילונגען מער זעלבסטשטענדיגקייט.

## 3.

אויב דער קאמף פאר אונזער אָרגאניזאציאָנעלן פּרינציפּ קאָן באטראכט ווערן פאר מער אָדער ווייניגער פארענדיגט, איז עס נאָך נישט אזוי מיט אונזער קאמף פאר דעם ריכטיגסטן ענטפער אויף דער אידן־פראגע. אָבער פאר די 37 יאָר האָט זיך אָנגעזאמלט אזוי פיל דערפארונג, אז אויך בנוגע דער דאָזיגער פראגע קאָנען מיר היינט מיט מער זיכערקייט, ווי ווען נישט איז זאָגן: געדערכט זיינען מיר און נישט די, וואָס שטייען מיט אונז אין קאמף.

פאר דעם היינטיגן דור בונדיסטן איז עס כמעט ווי אַן אומ־פארשטענדלאכע זאך, אז דעם „בונד" איז אויסגעקומען אמאָל צו פירן אזא העפטיגן קאמף געגן אסימילאציע. אין אונזער היינטיגער פּאָליטישער ארבעט איז פאר דעמדאָזיגן קאמף כמעט נישט גע־בליבן קיין פּלאץ.

איך וואָלט געוואָלט, מען זאָל מיך ריכטיג פארשטיין. איך רעד דאָ נישט וועגן פּראקטישער אסימילאציע, נישט וועגן אסימי־לאציע, אָלס איינעם פון די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין׳ם אידישן לעבן: די עקזיסטענץ פון אזא פּראָצעס האָט דער „בונד" קיינמאָל נישט געלייקנט. איך רעד וועגן אסימילאציע, אָלס איינע פון די אידעאָלאָגיעס אין דער אידישער געזעלשאפט, וועגן אסימי־לאציע אָלס „נאציאָנאלער פּראָגראם" פאר די אידישע מאסן. אסימילירטע אידן פעלן נישט אויף דער וועלט, און איינצלנע פער־זאָנען (אידן און נישט־אידן), וואָס האלטן אסימילאציע פאר א לייזונג פון דער אידן־פראגע, זיינען נאָך איצט אויך פארבליבן, אָבער ס׳איז שוין היינט כמעט ווי נישטאָ אין אונזער ווירקונגס־קרייז נישט נאָר קיין פּארטיי, נאָר אפילו קיין מער אָדער ווייניגער באַ־דייטנדיגע גרופּע, וואָס זאָל פארטיידיגן אסימילאציע, אָלס פּראָגראם. סיי פּ. פּ. ס., סיי קאָמוניסטן אָנערקענען היינט דאָס רעכט פון דער אידישער מאסע אויף א שול אין דער מוטער־שפּראך (אידיש), די רעכט פון דער אידישער שפּראך אין געריכט און אדמיניסטראציע. און די גאנצע נאציאָנאלע פּאָליטיק פון דער ראטן־מאכט איז א פולשטענדיגע פארלייקענונג פון אסימילאציע, אָלס פּראָגראם. פּאַ־

ראַן נאָך באַדייטנדיגע חלוקי דעות אין פּראַקטישן לאַגער בנוגע נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אירע גרעניצן און קאָמפּעטענץ, אָבער אַפילו די פאַרביסנסטע געגנער פון אויטאָנאָמיזם (די קאָמוניסטן) זיינען, ווי געזאָגט, אין דער פּראַקטיק געווען געצוואונגען צו מאַכן הנחות דעם אויטאָנאָמיזם.

עס איז פאַרבליבן אין דער פולער מאָס אויפ'ן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אונזער גרויסער שטרייט מיט'ן אידישן בירגערטום, ריכטיגער — מיט'ן ציוניזם, אַלס דעם איינציג־פאַר־בליבענעם מין טעריטאָריאַליזם. אָבער אין אַ געוויסן זין האָט דאָס לעבן אויך דאָ געמאַכט אַ ריינעם טיש.

ווייל — ווי פאַרביסן עס זאָל נישט זיין דער קאַמף, וועלכן די ציוניסטן פירן ביז'ן היינטיגן טאָג נעגן בונדיזם, איין זאַך האָבן זיי געמוזט מודה זיין: די האָפענונג, אַז ס'וועט זיך איינגעבן צונויפצוברענגען קיין פאַלעסטינע, אויב נישט אַלע אידן פון דער וועלט, איז ווייניגסטנס — דעם גרעסטן טייל פון זיי, און אַז דער ציוניזם קאָן אַזוי אַרום באַטייטן אַ לייזונג פון דער אידן־פראַגע בכלל — די דאָזיגע האָפענונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ חלום, פאַר אַ מיראַזש. צי עס וועט זיך יאָ איינגעבן אַריינצופירן און אַריינצושמוגלען קיין פאַלעסטינע נאָך 200, 300 אָדער גאָר 500 טויזנט אידן, צי די אַראַבער, צוזאַמען מיט'ן ענגלישן אָקופּאַנט, וועלן באַוויזן צו דערפירן די אידישע עמיגראַציע צו אַ מינימום — די גרויסע פראַגע: „וואָס ווייטער?", וועלכע שטייט פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסן אין די אַזוי גערופענע „גלות־לענדער", וועט דורכ'ן ציוניזם נישט קאָנען ווערן פאַרענטפערט. עס וועט זיין אָפּהענגיג פון דער פּאָליטיק, וועלכע עס וועלן פירן די ציוניסטן אין פאַלעס־טינע, צי דער דאָרטיגער אידישער ישוב וועט זיך אַנטוויקלען נאָר־מאַל, אָדער ער וועט איבערלעבן קאַטאַסטראָפאַלע דערשיטערונגען, אָבער פאַר יעדן מענשן מיט אָפענע אויגן איז שוין היינט קלאָר: פאַלעסטינע קאָן זיין און בלייבן נישט מער, ווי — נאָך איין „גלות"־לאַנד אין דער וועלט, אָבער נישט די לייזונג פון דער אַזוי גערופענער „אידישער פראַגע" בכלל.

דאָס אַזוי איין פאַקט. און דער צווייטער איז — דער ראַטן־פאַרבאַנד. מיר זיינען אַלע מאָל געווען אַבסאָלוט פריי אין אונזער באַציאונג צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט פאַר דער ביטערסטער קריטיק

לגבי דעם, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר שלעכט סיי אין דער אינערלאַכער, סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער ראַטן־מאַכט. אָבער מיר האָבן שטענדיק אין דער פולער מאָס אָנערקענט דאָס גרויסע און אומפאַרמײַדלאַכסטע, וואָס עס האָט געשאַפן די רוסלענדער רעוואָלוציע. און דעריבער שטעלן מיר אויך פעסט: בלויז מענשן, וואָס זײַנען פאַרבלענדטע פון האַס, קאָנען לייקענען, אַז אַזוינס, וואָס ס'איז אויפגעטאָן געוואָרן אויפ'ן געביט פון דער אידן־פראַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז נישט געווען קיינמאָל און אין ערגעץ נישט אויף דער וועלט.

געוויס — די אידישע מאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד לעבן נאָך ביז היינט בײַ שווערע באַדינגונגען. אָבער די באַדינגונגען פון זייער לעבן זײַנען איצט אַזוי שווער אָדער פונקט אַזוי לײַכט, ווי די, אין וועלכע עס לעבן אַלע איבעריקע בירגער פון לאַנד. די לײַדן פון די אידישע בירגער זײַנען אַ רעזולטאַט אָדער פון די שווערי‌גקייטן, מיט וועלכע עס מוז זיך ראַנגלען די ראַטן־מאַכט, אָדער פון די פעלערן פון איר פּאָליטיק, אָבער באַין אופן נישט פון אַ ספּעציפיש אַנטי־אידישער אײַנשטעלונג פון דער מאַכט. די פילע הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס זײַנען אַרײַנגעפירט געוואָרן אין דער סאָוועטישער גרויס־אינדוסטריע אָדער באַזעצט געוואָרן דאָרט אויף ערד, האָבן פולשטענדיג געביטן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער אידישער געזעלשאַפט. די אידישע מאַסן־קולטור האָט באַקומען די ברייטסטע מעגלאַכקייטן פאַר איר אַנטוויקלונג. מ'קאָן זאָגן אָן אַ גוזמא: די אידן־פראַגע, אַלס אַזעלכע, איז אין ראַטן־פאַרבאַנד געלייזט.

און דאָס באַשטעטיגט אונזער אַלטן בונדישן כּלל, אַז — נאָר דאָרט, וואו די אידישע מאַסן וואוינען, און נאָר אין רעזולטאַט פון אַ ראַדיקאַלער פּאָליטישער און סאָציאַלער איבערקערעניש קאָן געפינען איר לייזונג סיי די סאָציאַלע, סיי די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון די אידישע מאַסן. מיט אַנדערע ווערטער: אויף דער פראַגע: „דאָ אָדער דאָרט?" — וואָס איז דאָך אַלע מאָל געווען די הויפּט שטרייט־פראַגע צווישן אונז און דעם ציוניזם, האָט דאָס לעבן אומצווייִדייטיג געענטפערט: „דאָ!"

4.

בלייבט נאָך צו כאַראַקטעריזירן די שטעלונג פון „בונד" צו די גרונט־פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיין־פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אויפ'ן שטח פון זײַן 37־יאָריגער געשיכטע.

דער „בונד" איז געווען אַ טייל פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל אינ'ם לעבן פון דער דאָזיגער פּאַרטיי, אין אירע העפטיגע אינערלאכע אידייאישע שטרייטן. אַלס אַנטשיידענער אָנהענגער פון איינהייט און געשלאָסנקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך דער „בונד" באַמיט צו לינדערן די העפטיגקייט פון די פראַקציאָנעלע קאמפן, וואָס האָבן דעמאָלט צעריסן די פּאַרטיי, צו צעמענטירן אירע באַזונדערע טיילן. דאָס איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון סתם רודף־שלום'דיגקייט — דאָס איז אַרויסגעדרונגען פון דעם עצם שטעלונג פון „בונד". ווייל — הגם דעם „בונד" פלעגט אויסקומען צו גיין אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ. אַמאָל — מיט די מענשעוויקעס, אַמאָל — מיט די באָלשעוויקעס (עפּטער — מיט די ערשטע, אַלס מיט די צווייטע), איז ער אָבער אַליין נישט געווען מענשעוויסטיש און נישט באָלשעוויסטיש. דאָס איז באַזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק אין די יאָרן נאָך דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע, ווען די אינערלאכע געגנזאַצן אין דער ר. ס. ד. אַ. פּ. האָבן זיך צוגעשפּיצט ביז גאָר. דער „בונד" האָט דאַן פאַרוואָרפן די פאַרשווערערישע, בלאַנקיסטישע קאַמפס־מעטאָדן פון די באָלשעוויקעס, ער האָט אָבער אויך אַנטשיידן באַקעמפט די גרייטקייט צו ליקווידירן דעם אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, וועלכע ס'האָט אַרויסגעוויזן דער עקסטרעם רעכטער פליגל פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. די שטעלונג פון „בונד" איז געווען: וואָס ברייטער אויסנוצן די אַזוי גערופענע „לעגאַלע מעגלאַכקייטן", וועלכע עס האָט געלאָזט נאָך זיך די ערשטע רוסלענדער רעוואָלוציע, און גלייכצייטיג פירן אַן אינטענסיווע אומלעגאַלע אַרבעט פון אַ וואָס ברייטערן, מאַסנהאַפטן פאַרנעם.*)

*) חבר ערליך האָט דאָ אין זינען דעם קאַמף אין דער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען נאָכ'ן אונטערדריקן די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905. אין דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרבעטער פּאַרטיי זיינען דאַן געווען צוויי קעגנזעצלאכע ריכטונגען: איין ריכטונג האָט געוואָלט, אַז מ'זאָל אין גאַנצן אַוועקוואַרפן די אומלעגאַלע אונטערערדישע סאָציאַליסטישע טעטיגקייט און אויסנוצן דאָס ביסעלע פרייהייט, וואָס דער צאַריזם איז, אַ דאַנק דער רעוואָלוציע, געווען געצוואונגען צו געבן דעם רוסישן פאָלק און זען מיט לעגאַלע מיטלען די געגעבענע פרייהייט אויסצוברייטערן און פאַרגרעסערן. די צווייטע ריכטונג (די דאמאָלסדיגע באָלשעוויקעס) האָבן געהאַלטן, אַז מיט לעגאַלע מיטלען וועט מען גאָר

עס איז געקומען די מלחמה. זי האָט געטראָפן אונזער פאַרטיי־אַפּאַראַט אין אַן אומגעהויער שווערן צושטאַנד. די גרויסע מערהייט פאַרטיי־פירער האָבן זיך געפונען אין עמיגראַציע, אָדער אין פאַרשיקונג. די באַדינגונגען פון קריגס־צושטאַנד האָבן געמאַכט אוממעגלאַך צו רופן אַ וועלכע נישט איז פאַרטיי־באַראַטונג. וועגן דער שטעלונג פון דער פאַרטיי האָבן געדאַרפט באַשליסן געציילטע חברים. אָבער קיין וואַקלענישן זיינען ביי דער פאַרטיי נישט געווען: געגן דער מלחמה! — איז געווען דער באַשלוס, סיי אין פּעטערבורג, וואו ס'איז דאַן געווען דער זיץ־אָרט פון צ. ק., סיי אין וואַרשע. מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן סיי אין צימערוואַלד, סיי אין קיענטאַל.*) און אויב ס'איז צו יענער צייט צווישן די געציילטע מיטגלידער פון צ. ק., וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, געווען איינער, וואָס האָט באַרעכטיגט דעם „4טן אויגוסט"**) פון דער דייטשער ס. ד. און געהאַט ווייטגייענדיגע „ספקות" אפילו בנוגע דער טאַקטיק, וואָס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אין צאַרישן רוסלאַנד, איז דאָס געווען אַ מענש, וואָס האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער, אַלס פריש־געבאַקענער באָלשעוויק, געשלאָגן פאַר'ן ערשטן אָרט אינ'ם קאַמף געגן דעם . . . „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם" פון „בונד". ***)

באַלד די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן אָפּגעשניטן דעם „בונד"

---

נישט קענען אויפטאָן און מ'מוז זיך אין גאַנצן צוריק אומקערן צו דער אומלעגאַלער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט.

*) צימערוואַלד און קיענטאַל, דאָס זיינען נעמען פון צוויי קליינע שטעטלאַך אין דער שווייץ, וואו די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער האָבן אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן און פּראָטעסטירט געגן דער מלחמה, געגן די סאָציאַליסטן פון די פאַרשיידענע, צווישן זיך מלחמה-פירנדע לענדער, וועלכע זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיט'ן דאַמאָלסדיגן שאָוועניסטישן שטראָם און מלחמה-פּאַטריאָטיזם פון די קריג-פירנדע נאַציאָנען און לענדער.

**) דעם 4טן אויגוסט פון 1914 האָט די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געשטימט פאַר'ן קריגס-בודזשעט און מיט דעם אינדאָרסירט די וועלט-מלחמה, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אונטער דער פירערשאַפט פון קייזער ווילהעלם דעם 2טן.

***) חבר ערליך האָט אין זינען מ. ראַפּעס'ן, וועלכער איז אין דער צייט פון דער מלחמה געווען אַ מלחמה-פּאַטריאָט און איז שפּעטער געוואָרן אַ הייסער קאָמוניסט און הערט נישט אויף צו באַשמוצן און זידלען דעם „בונד", באַשולדיגנדיג אים אין קאָנטער-רעוואָלוציאָניזם און קליינבירגערלאַכקייט.

אין פוילן פונ'ם אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד. און ווען נאָך די אומבאַשרייבלאַכע שווערע יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע איז געקומען דער שטורם־ און דראַנג־פּעריאָד פון די נאָך־מלחמה־יאָרן, האָט שוין דער „בונד" אין פוילן, אַלס זעלבסטשטענדיגע פּאַרטיי, געמוזט נעמען אַ שטע־לונג צו די אַלע קאָלאָסאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך אַוועקגע־שטעלט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט.

אונזערע לעזער געדענקען, נאַטירלאַך, די דאָזיגע צייט. זי האָט געפונען אַ הילכיגן אָפּקלאַנג אויך אויף יענער זייט אָקעאַן. אונטער דעם איינדרוק פון דער אומפאַרגלייכלאַכער לויט איר פאַר־נעם רוסלענדער רעוואָלוציע, איז אַ גרויסער טייל פון אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט מיטגעריסן געוואָרן מיט'ן קאָמוניסטישן שטראָם. ווען מען פאַרגלייכט דעם היינטיגן צושטאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם מיט דעם, וואָס ס'איז געווען אין די יאָרן 1919־20, איז עס פשוט נישט צום גלויבן, ווי גיך די קאָמוניסטן האָבן פאַרטאַכ־לעוועט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

אָבער דאַן איז דער קאָמוניזם, אַלס אויסשטראַלונג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גוואַלדיגן אָרעאָל. די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון פוילן האָט נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גרויסער וועלט: דער ערשטער אַזוי גערופענער פאַראייניגונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין פוילן (פאַראייניגונג מיט דער אידישער ס. ד. פּאַרטיי פון גאַליציע) האָט פּאַקטיש געבראַכט דעם „בונד" אויף קאָמוניסטישע פּאָזיציעס.

אָבער דער רעאַליזם פון אונזער באַוועגונג און איר טיפער אינערלאַכער דעמאָקראַטיזם האָבן עס פון לכתחילה געמאַכט אומ־מעגלאַך אונזער פּאַרטיי זאָל זיך אויף די דאָזיגע פּאָזיציעס קאָנען איינהאַלטן. ס'איז כמעט נישט פאַראַן קיין פּאַרטיי אויף דער וועלט, וואָס וואָלט נישט געווען אַרויס פון יענעם פּעריאָד אַ צע־שעדיגטע, אַ געשפּאָלטענע. דער פּרייז, וועלכן דער „בונד" אין פוילן האָט באַצאָלט פאַר זיין דערפאַרונג מיט'ן קאָמוניזם, איז געווען פאַרהעלטניסמעסיג אַ נישטיגער. ווען דער צווייטער צוזאַ־מענפאָר פון „בונד" האָט אָפּגעוואָרפן די „21 באַדינגונגען" פון קאָמאַנטערן, האָבן דעם צוזאַמענפאָר פאַרלאָזט פינף פון די פופציג דעמאָקראַטיש־געוויילטע דעלעגאַטן. אָט דעם נישטיגן פּרייז האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נישט בלויז דעם דעמאָקראַטישן בוי פון אונזער

באוועגונג, נאָר אויך דער טיפער אינערלאַכער צעגויפגעבונדנקייט און געשלאָסנקייט, וואָס האָבן פון אייביג אָן אויסגעצייכנט דעם „בונד".

דער „בונד" אין פוילן האָט זיך גיך צעשיידט מיט די קאָמוניסטישע אילוזיעס. נאָך אַ רייע יאָרן פון לײדנשאַפטלאַכע אָבער חבר'שע אינערלאַכע שטרייטן האָט דאָס באקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אינ'ם אָנשליסן זיך אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דער „בונד" האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אומגעהויערע דערפאַרונג פון די נאָך־מלחמה'דיגע רעוואָלוציעס און פון דעם אַלעמען, וואָס איז געשען נאָך זיי, און — אויפ'ן גרונט פון דער דאָזיגער דערפאַרונג און אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און אויך פון זיינע אייגענע פּאַרטיי־טראַדיציעס — האָט ער פאָרמולירט זיין שטעלונג צו די גרונט־פּראָבלעמען פון אונזער צייט.

מיר זיינען געגן רעפאָרמיזם. מיר פאַרוואַרפן די אילוזיע, אַז דער סאָציאַליזם קאָן אויף אַ פרידלאַכן, ריין־דעמאָקראַטישן אופן אריינוואַקסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר פאַרשטייען די גרויסע באַדייטונג פון די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע פרייהייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן, ספּעציעל אין דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט בולט באַוויזן די באַגרעניצטקייט פון דער אַזוי גערופענער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע אין קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם. און דעריבער ווייסן מיר, אַז אָן די מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף וועט זיין אוממעגלאַך צו פאַרווירקלאַכן דעם סאָציאַליזם, און אַז דער וועג צו אמת'ער, ד. ה. סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, פירט דורך אַ פאַראיבערגייענדיגער תקופה פון דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן.

אָבער פּונקט ווי מיר פאַרוואַרפן דעם רעפאָרמיזם, אַזוי פאַרוואַרפן מיר אויך דעם קאָמוניזם. מיר זיינען געגן דער אַנטי־מאַרקסיסטישער, וואָלונטאַריסטיש־פּאַשיסטישער טאַקטיק פון די קאָמוניסטן, אונז איז ווילד־פרעמד דער רעזשים פון אומפרייהייט, פון פּרייסישער קאַזאַרמע־פרייהייט, וועלכע די קאָמוניסטן האָבן איינגעשטעלט אַפילו אין זייערע אייגענע רייען. מיר באַקעמפן זייער שטרעבונג צו פאַרגוואַלטיגן דעם ווילן פון אַרבעטער־קלאַס, איינצושטעלן אַ דיקטאַטור פון אַ פּאָליט־ביוראָ איבער דעם אַר־

בעטער־קלאס און מ׳ר פאראורטײלן אויפ׳ן שארפסטן אופן די פארברעכערישע שפאלטונגס־פאליטיק פון די קאמוניסטן, זײער פאליטיק פון ברודער־קאמף אין די ארבעטער־רײען, וואס האט שוין אזוי פיל אומגליק געבראכט דעם ארבעטער־קלאס פון דער וועלט. מיר זײנען פאר פולער ארגאנישער אײנהײט פון דער פראלעטארישער קלאסן־באוועגונג און — ביז וואנען דאס וועט נ׳שט זײן מעגלאך — פאר א לאיאלער צוזאמענארבעט פון אלע טײלן פון דער דאזיגער באוועגונג.

***

את דאס איז אונזער שטעלונג. מיר פארטײדיגן זי זײט יארן און יארן. די געשעענישן פון דער לעצטער צײט האבן אונז אין איר נאר באפעסטיגט. די דאזיגע שטעלונג איז אקצעפט׳רט געווארן בעת דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנפערענץ פון איר גאנצן לינקן פליגל. די דאזיגע שטעלונג איז דא נ׳שט לאנג באקרעפטיגט געווארן אין דער געמײנזאמער דעקלאראציע פון די געווײלטע דעלעגאטן צו דער פאריזער קאנפערענץ.

אידײאישע געגנער אינ׳ם סאציאליסטישן לאגער האבן אונז באקעמפט, אלס „דרײ־פערטלדיגע", „פיר־פינפטלדיגע" אדער גאר „גאנצע באלשעוויקעס", און האבן מיט ביטול גערעדט וועגן די צוועלף שטימען, וואס זײנען אפגעגעבן געווארן אין פאריז פאר דער שטעלונג פון לינקן סאציאליזם. די דאזיגע געגנער אונזערע רעקאמענדירן מיר זיך צוצוקוקן צו דער ראדיקאלער ווענדונג, וואס עס איז פארגעקומען אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פון פראנקרײך, שפאניע, עסטרײך, דײטשלאנד, אמעריקע, און צוהערן זיך צו די טיפע ראד׳קאליזירונגס־פראצעסן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג פון אנדערע לענדער. זײ וועלן דאן באמערקן, אז מיר זײנען אפשר „עפעס מע־", ווי 12 אנטקעגן קנאפע 300 פון דער פאריזער קאנפערענץ. דערצו נאך רעקאמענדירן מיר אונזערע געגנער פון רעכטס זיך צוצוקוקן צו דער אימפאזאנטער אײנהײטס־באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן אין פראנקרײך און באט׳יט — פונקט ווי די מפלה א׳ן דײטשלאנד — א באנקראט סײ פון דער רעפארמיסטישער, סײ פון דער קאמוניסטישער טאקטיק. און — אויב זײ ווילן נאר זײן אביעקטיוו, דאן וועלן זײ מודה זײן, אז — אויך די שטעלונג פון „בונד" צו די אלגעמײנע פראבלעמען פון דער ארבעטער־באוועגונג איז פונ׳ם לעבן בארעכטיגט געווארן.